נו, טײַערע פֿעמיניסטישע צוהערערס, מיר ווייסן גוט, אַז דער עיקר פֿון פֿעמיניזים, עכטע־פֿעמיניזם, איז חבֿרשאַפֿט, סאָלידאַריטעט, צווישן אַלע פֿאָלקס־באַוועגונגען וואָס פּראָבירן צו באַפֿרײַען פֿרויען פֿון אַלע הינטערגרונטן.

וואָס קען מען זיך אָפּלערנען, אינעם איצטיקן מאָמענט, פֿון אונדזער הייליקער ירושה? די רבנים פֿון דער גמרא האָבן נישט געקענט פֿאָרשטעלן, ווי מענטשלעכע גיריקײַט זאָל פֿאַרהיטן אַ פֿאָלק פֿון פֿאַרמעגן ריינעם וואַסער צו טרינקען. אין מסכתּא תּענית האָבן חז״ל דעם דין געגעבן, בשעת בצורת (ד״ה, עס האָט צו לאַנג גאָר נישט קיין רעגן געפֿאַלן), זאָל דער קהל אַ תּענית מאַכן, און אויסבעטן רחמנות פֿונעם אייבערשטערן. מע האָט אויכעט געקענט נעמען אַ תּענית־נדבה, סתּם בעסער תּשובה צו מאַכן.

הײַנט, ווייסן מיר אַז אַלט־געזעסענע־לײַט, אָרעמעלײַט, ניט־ווײַסע מענטשן ווי די אין סטאַנדינג ראָק אָדער פֿלינט, מישיגאַן, זענען די ערשטע באַשטראָפֿן־צו־ווערן פֿון די קאָסטן פֿון אינדוסטריע און סבֿיבֿה־פֿאַרפּעסטיקונג, און, ווי מע לערנט פֿון חז״ל, זענען מיר אַלע צום סוף אָפּהענגיק אויף אונזדער נויט פֿאַר ריינעם וואַסער און אַ געזונטער ערד; דעריבער זענען מיר מחייבֿ היילן דער וועלט. מיר ווייסן, כּדי צו זײַן מעכטיק, דאַרפֿן מיר בעסער פֿאָלגן דער אָנפֿירונג פֿון די וואָס לײַדן די ערגסטע.

אין אָט דעם גײַסט פֿון סאָלידאַריטעט מיט דער אַלט־געזעסענע אָנפֿירונג אין סטאַנדינג ראָק, און פֿון אונדערזע אייגענער, הייליקער ירושה, פֿאַרבעטן מיר, איר זאָלט אָנטייל נעמען אין איינער פֿון די אַקטיוויטעטן וואָס קומען פֿאָר אין אַמעריקע (און אַפֿילו אין קאַנאַדע, ענגלאַנד, און אַזוי ווײַטער), פֿון דעם 10טן נאָוועמבער ביז דעם 15טן נאָוועמבער: האַלטן אַ תּענית, אָנטייל נעמען אין אַ סטאַנדינג־ראָק לערנען קרײַזל אין אײַערע היימשטעט, געבן אַ דבר־תּורה שבת־צו־טאָג אין שיל, געבן צדקה, און אַזוי ווײַטער. די אַלע נייטיקע אינפֿאָרמאַציע קען מען געפֿינען אויפֿן „פֿייסבוק־זײַטל,“ [Day of Public Jewish Fasting for Standing Rock](Day of Public Jewish Fasting for Standing Rock).

שכּוח, אײַערע אין חבֿרשאַפֿט,

יונה הערש